**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/9/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו פארבעסערן גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר און פארשטערקערן באהאנדלונג פאר ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן אלס טייל פון בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026

***בודזשעט אינוועסטירט מער פון 196 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר אריבער די סטעיט***

***פארשטערקערט ניו יארק'ס געזעצן איבער האספיטאליזאציע קעגן דעם פאציענט'ס ווילן און "קענדרא'ס געזעץ"***

***160 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן 100 נייע פארענזישע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן***

***פינאנצירונג בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס לאנד'ס-פירנדע 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו טראנספארמירן די גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשריבן נייע בילס אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 צו מאכן גרויסארטיגע גייסטישע געזונטהייט אינוועסטירונגען פאר ניו יארקער. ארויפבויענדיג אויף די אינוועסטירונגען פון איר 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן פאר עטליכע יאר צו פארשטערקערן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר סיסטעם — אינוועסטירט די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 מער פון 196 מיליאן דאלאר, אריינרעכענענדיג 160 מיליאן דאלאר צו צולייגן 100 נייע בעטן פאר פסיכיאטרישע פאציענטן אין Wards Island אין ניו יארק סיטי.

"פאר צו לאנג איז גייסטישע געזונטהייט פארקוקט געווארן און באגלייט געווען מיט א סטיגמע — אבער ווען איך בין אריין אין אפיס, האב איך געזאגט נישט מער", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די היי-יאריגע בודזשעט בויט ארויף אויף אונזער 1 ביליאן דאלארדיגע גייסטישע געזונטהייט אינוועסטירונג און מאכט זיכער אז ניו יארקער וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט באקומען די קעיר וואס זיי דארפן און וואס קומט זיך זיי."

די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 רעכנט אריין היסטארישע נייע אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר, אריינרעכענענדיג:

- נייע בילס צו פארשטערקערן ניו יארק'ס געזעצן איבער האספיטאליזאציע קעגן דעם פאציענט'ס ווילן און "קענדרא'ס געזעץ" (Kendra's Law) צו צושטעלן מיטפילנדע קעיר פאר די וועלכע דארפן דאס די מערסטע
- 16.5 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן די איינפירונג אויפן קאונטי שטאפל פון פראגראמען פאר צוגעהאלפענע באהאנדלונג אינדרויסן פון אן אנשטאלט ( Assisted Outpatient Treatment,

AOT), אין צוגאב צו 2 מיליאן דאלאר פאר די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט ( Office of Mental Health, OMH) צו צולייגן נאך איינגעשטעלטע צו זיין פאראנטווארטליך פאר אויפזיכט איבער AOT

- 8 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן ביז פינף נייע קלאַב הייזער און פיר פלעצער געווידמעט צו זיין א זיכערע אטמאספערע פאר יונגווארג
- 1.5 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף פאר צענערלינגען (Teen Mental Health First Aid) פאר היי סקול שילער
- 2 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען צו אוועקשטעלן א שפיטאל-באזירטע פראגראם פאר מענטשן צו באקומען שטיצע מיט אן אריבערגאנג פון אנדערע וועלכע זענען אריבער ענליכע מצבים און צו אויסברייטערן די 'אינטענסיווע און אנהאלטנדע מיטארבעט' ( Intensive and Sustained Engagement) מאנשאפטן
- 1.4 מיליאן דאלאר פאר די OMH צו צולייגן גאסן מעדיצין און גאסן פסיכיאטריע צו Safe Options Support מאנשאפטן
- פארשטערקערן די גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר סיסטעם דורכן אינוועסטירן 160 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן 100 נייע פארענזישע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן אין ניו יארק סיטי.
- 25 מיליאן דאלאר צו פארזעצן צו פארמערן די באמיאונגען צו אויפבויען קשרים מיט היימלאזע ניו יארקער אין די סאָבוועי דורך די אוועקשטעלונג פון "פארבינדונג צענטערן" ( Connection Centers) ביי סאָבוועי סטאנציעס און דורכן באַרייכערן סערוויסעס ביי ספעציאליזירטע "וועלקאָם סענטער" (Welcome Center) שעלטער איינריכטונגען

<u>**שטיצן מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן**</u>

**האספיטאליזאציע קעגן דעם פאציענט'ס ווילן**

די בודזשעט מאכט אן ענדערונג צו ניו יארק'ס געזעץ איבער האספיטאליזאציע קעגן דעם פאציענט'ס ווילן, אז א מענטש וואס איז 'ווארשיינליך צו פירן צו ערנסטע שאדן' צו זיך אליין רעכנט אויך אריין א מענטש וואס איז אין באדייטנדע סכנה פון פיזישע שאדן וויל זייער גייסטישע קראנקהייט מאכט זיי נישט אומשטאנד אדער אומוויליג צו ערפילן זייערע אייגענע פונדאמענטאלע געברויכן ווי עסן, קליידונג, נויטיגע מעדיצינישע קעיר, פערזענליכע זיכערהייט אדער וואוינונג צוליב זייער גייסטישע קראנקהייט. די ענדערונג אדרעסירט לעכער אין די עקזיסטירנדע סטאנדארט, ברענגענדיג ניו יארק צו זיין אין איינקלאנג מיט 43 אנדערע סטעיטס וועלכע האבן ענליכע סטאנדארטן.

**צוגעהאלפענע באהאנדלונג אינדרויסן פון אן אנשטאלט (קענדרא'ס געזעץ)**

די בודזשעט טיילט צו 16.5 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן די איינפירונג אויפן קאונטי שטאפל פון פראגראמען פאר צוגעהאלפענע באהאנדלונג אינדרויסן פון אן אנשטאלט ( Assisted Outpatient Treatment, AOT) און 2 מיליאן דאלאר פאר די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט צו צולייגן נאך איינגעשטעלטע צו זיין פאראנטווארטליך פאר אויפזיכט איבער AOT, צו באַרייכערן טרענירונג אריבער די סטעיט און צושטעלן נאך שטיצע פאר קאונטיס און פּראָווײַדערס.

די בודזשעט ענדערט אויך דעם AOT געזעץ (באקאנט אלס "קענדרא'ס געזעץ") אזוי אז נייע פעטיציעס זאלן קענען אריינגעגעבן ווערן צו די געריכט ביז זעקס חודשים נאך א באפעהל לויפט אפ אין פעלער ווען דער מענטש ווערט אפגעהאקט פון קעיר און גייט אריבער גייסטישע געזונטהייט סימפטאמען וועלכע זענען א באדייטנדע שטער צו זייער מעגליכקייט זיך צו האלטן צו זייער באהאנדלונג אדער וואס פירן צו עמערדזשענסי באהאנדלונג, ווערן אריינגענומען אין שפיטאל/אן אנשטאלט אדער צו ווערן ארעסטירט.

**100 נייע פארענזישע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן**

די בודזשעט לייגט צו 100 פארענזישע בעטן מיט די ציהל צו צוריקברענגען מענטשן וואס זענען פארמישט מיט די יוסטיץ סיסטעם צו קענען נאכאמאל ווערן אומשטאנד צו דורכגיין א פראצעס אין ניו

יארק סיטי. דאס ערגענצט גאווערנער Hochul (האקול)'ס באמיאונגען צו אויסברייטערן פסיכיאטרישע בעטן קאפאציטעט אריבער ניו יארק סטעיט. זינט גאווערנער Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס, האט ניו יארק סטעיט צוגעלייגט 875 פסיכיאטרישע בעטן, אריינרעכענענדיג 550 וועלכע זענען צוריק אריינגעלייגט געווארן אין דינסט ביי קאמיוניטי-באזירטע שפיטעלער, און 325 ביי סטעיט-אויפגעהאלטענע פסיכיאטרישע צענטערן, זייענדיג די גרעסטע אויסברייטערונג ביי די אנשטאלטן אין יארן. אין צוגאב, האט די סטעיט אויסגעצאלט 109 נייע בעטן וואס זענען יעצט אין דעוועלאפמענט ביי קאמיוניטי-באזירטע שפיטעלער, און די סטעיט גרייט זיך צו בויען א נייע 'אריבערגאנג אהיים' (Transition to Home) אפטיילונג מיט 75 בעטן ביי די Creedmoor Psychiatric Center אין קווינס.

**פארזעצן צו אדרעסירן היימלאזיגקייט**
צו פארשטערקערן די באמיאונגען צו בויען קשרים מיט היימלאזע ניו יארקער, באזונדערס די וועלכע נוצן די סאָבוועי סיסטעם, וועט די סטעיט ארויסבויען ביז פינף לאקאציעס ביי סאָבוועי סטאנציעס וואו היימלאזע מענטשן קענען אריבערקומען צו באקומען הילף צו ארויסגיין פון די סטאנציע פלאטפארמעס און אריין אין פלעצער וואו זייערע באדערפענישן קענען אפגעשאצט ווערן און וואו זיי קענען פארבינדן ווערן מיט נאך הילפס-מיטלען און קעיר. ביי די לאקאציעס, וועלכע וועלן גערופן ווערן "פארבינדונג צענטערן", וועלן איינגעשטעלטע וואס ארבעטן מיט היימלאזע מענטשן, אריינרעכענענדיג די סטעיט'ס Safe Option Support מאנשאפטן, קענען פארזעצן מיט זייערע באמיאונגען צו בויען קשרים מיט היימלאזע ניו יארקער, בויענדיג די צוטרוי וואס וועט זיי מוטיגן צו אננעמען סערוויסעס און העלפנדיג זיי צו צוקומען צו די שטיצע וואס זיי דארפן צו טרעפן סטאביליטעט, אריינרעכענענדיג צו פלאצירט ווערן אין ספעציאליזירטע איבערגעכטיגע שעלטער פלעצער. אין צוגאב, זעצט די סטעיט פאר צו ארבעטן צוזאמען מיט שותפים אויף די שטאפל פון די סיטי, מאכנדיג אינוועסטירונגען וואס וועלן פארגרעסערן קאפאציטעט און מיטלען ביי עקזיסטירנדע, ספעציאליזירטע NYC DHS שעלטער לאקאציעס, ווי צום ביישפיל "וועלקאָם סענטערס" וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו באדינען היימלאזע ניו יארקער, באזונדערס די וועלכע פארלאזן די סאָבוועי סיסטעם.

<u>**שאפן געלעגנהייטן פאר וואוקס און ערהוילונג**</u>

**נייע קלאָב הייזער און זיכערע אטמאספערעס פאר יונגווארג**
די בודזשעט שטעלט צו 8 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן ביז פינף נייע קלאָב הייזער און פיר פלעצער געווידמעט צו זיין א זיכערע אטמאספערע פאר יונגווארג (Youth Safe Spaces). קלאָב הייזער זענען מיטגליד-געטריבענע פראגראמען וועלכע גיבן צוטריט פאר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען צו געזעלשאפטליכע שטיצע, לעבנס סקילס טרענירונג, באשעפטיגונג הילפס-מיטלען און א געפיהל פון באלאנגען אין א קאמיוניטי, און די זיכערע אטמאספערעס גיבן א פלאץ פאר יונגע מענטשן צו צוקומען צו גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין הילפס-מיטלען, העלפן שאפן פאזיטיווע קשרים מיט זייערע פריינד און באקומען שטיצע אין א באקוועמע פלאץ.

**גאסן מעדיצין און גאסן פסיכיאטריע צו SOS מאנשאפטן**
די בודזשעט רעכנט אריין 1.4 מיליאן דאלאר פאר די OMH צו צולייגן גאסן מעדיצין און גאסן פסיכיאטריע צו Safe Options Support (SOS) מאנשאפטן, ערלויבנדיג זיי צו צושטעלן באלדיגע מעדיציניש און פסיכיאטרישע קעיר פאר היימלאזע מענטשן. מיט 28 מאנשאפטן אריבער די סטעיט, האט דער SOS פראגראם יעצט שוין ארויסגעהאלפן [אריינשטעלן מער פון 1,000 מענטשן אין פערמאנענטע היימער](), אריינרעכענענדיג 147 אין OMH-לייסענסירטע האוזינג.

**גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף פאר צענערלינגען**
די בודזשעט רעכנט אריין 1.5 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף פאר צענערלינגען פאר הײ סקול שילער, צו טרענירן סיי צענערלינגען און סיי ערוואקסענע וועלכע ארבעטן מיט

צענערלינגען צו אויפכאפן, פארשטיין און רעאגירן צו סימנים פון גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ פראבלעמען.

**אויסברייטערן צוטריט צו שטיצע סערוויסעס דורך אנדערע וואס זענען אריבער ענליכע אומשטענדן**
די בודזשעט אינוועסטירט נאך 2 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן א שפיטאל-באזירטע פראגראם פאר מענטשן צו באקומען הילף פון אנדערע וועלכע זענען אריבער ענליכע מצבים ביים מאכן אן אריבערגאנג ארויס פון קעיר אין אן אנשטאלט/שפיטאל צוריק אריין אין די קאמיוניטי און אזוי אויך צו אויסברייטערן 'אינטענסיווע און אנהאלטנדע מיטארבעט' (Intensive and Sustained Engagement, INSET) מאנשאפטן צו צושטעלן שטיצע אנגעפירט דורך מענטשן וואס זענען אריבער ענליכע מצבים פאר מענטשן דורכאויס זייערע ערהוילונג רייזעס און העלפן די וואס באקומען סערוויס זיך צו אן עצה גיבן מיט קריטישע אריבערגאנג תקופות אין קעיר.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן